**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 10 מיליאן דאלאר צו פאראויס שטופן ערפינדונגען אין ריינע היידראָודזשען פארשונג, אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע פראיעקטן

***אפליקאציעס ווערן אנגענומען צו פינאנצירן פארגעשלאגענע פראיעקטן פאר אינדוסטריעס וואס זענען שווער צו אריבערגעפירט ווערן צו עלעקטריציטעט דורך ניו יארק-באזירטע קערפערשאפטן וועלכע טוהען אויך אקטיווערהייט אפלייען פאר פעדעראלע ריינע היידראָודזשען פינאנצירונג געלעגנהייטן***

***שטיצט די ציהלן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ צו רעדוצירן עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און צו האבן 100 פראצענט עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א 10 מיליאן דאלארדיגע אינציאטיוו צו פאראויס שטופן ערפינדנדע ריינע היידראָודזשען פארשונג, אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע פראיעקטן וועלכע אדרעסירן די שוועריגקייטן צו ערזעצן פאָסיל ברענשטאף באנוץ אין אינדוסטריעס וועלכע זענען שווער צו אריבערפירן צו נוצן עלעקטריציטעט. אפליקאציעס ווערן אנגענומען צו פינאנצירן פראיעקטן וועלכע ווערן פארגעשלאגן דורך ניו יארק-באזירטע קערפערשאפטן וועלכע טוהען אויך אקטיווערהייט אפלייען פאר פעדעראלע ריינע היידראָודזשען פינאנצירונג געלעגנהייטן. די היינטיגע אנאנס שטיצט די ציהלן פון דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ( Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) צו רעדוצירן עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און צו אריבערגיין מיט 100 פראצענט צו עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040.

"אינוועסטירן אין ריינע היידראָודזשען איז די לעצטע ביישפיל פון ניו יארק'ס פארפליכטונג צו אין באטראכט נעמען אלע טעכנאלאגיעס און וועגן צו אריבערגיין ו ריינע ענערגיע אריבער די גאנצע עקאנאמיע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "בשותפות מיט די סטעיט'ס פירנדע ערפינדער און פראבלעם-לייזער, נעמען מיר אונטער אמביציעזע שריט צו אריבערפירן אפילו די מערסטע קאמפליצירטע אינדוסטריעס צו נוצן ריינע ענערגיע, העלפנדיג פארזיכערן א געזונטע און ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

די נייע אינציאטיוו, אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), וועט אפערירן האנט ביי האנט מיט ניו יארק סטעיט'ס אלגעמיינע שטופ פאר א ריינע היידראָודזשען אינדוסטריע וואס רעכנט אריין די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע היידראָודזשען צענטער ( Northeast Regional Clean Hydrogen Hub, NE Hub) אונטערנעמונג. אין די צייט וואס די NE Hub קאנצעטרירט זיך אויף דאס אריינברענגען ריינע היידראָודזשען אין באנוץ אריבער די ברייטערע צפון-מזרח ראיאן, וועט די אינציאטיוו וואס איז היינט אנאנסירט געווארן ספעציפיש פינאנצירן RD&D באמיאונגען וועלכע זענען די מערסטע

וויכטיג און קריטיש צו פאראויס שטופן אן עקאנאמיע פון ריינע הײדראָודזשען אין ניו יארק און צו שטיצן דאס ערגרייכונג פון די קלימאט געזעץ ציהלן. אפליקאנטן וועלכע זענען איינצלנע קערפערשאפטן אדער מאנשאפטן קענען זיך פארמעסטן פאר די געלעגנהייט צו באקומען פינאַנצירונג אונטער פיר טעכנישע שוועריגקייטן קאטעגאריעס פאר נייע פארשונג, אנטוויקלונג און דעמאנסטראציעס פון ריינע הײדראָודזשען, אריינרעכענענדיג:

- הײדראָודזשען באנוץ צו ארפאנעמען אינדוסטריאלע פראצעדורן וואס פראדוצירן היץ;
- ריינע הײדראָודזשען פראדוקציע און עס אויסמישן מיט אנדערע ריינע ענערגיע קוועלער ווי סאלאר און ווינט;
- פארמינערן נייטראָודזשען אַקסייד כעמיקאלן (NOx) אין הײדראָודזשען פארברענונג; און
- הײדראָודזשען סטארעדזש טעכנאלאגיעס, אריינרעכענענדיג סטארעדזש פון גרויסע מאסן און סטארעדזש אין געגנטער מיט נידעריגע באנוץ.

גרענטס וועלן געגעבן ווערן פאר די געווינער מיט די תנאי אז זיי וועלן באקומען פעדעראלע פינאנצירונג. אפליקאציעס פאר די נייע איניציאטיוו וועלן אנגענומען ווערן ביז 3:00 נאכמיטאג אום יוני 28, 2023. צוזאמען מיט NYSERDA פארשלאג דאקומענטן, זענען די קערפערשאפטן וועלכע שלאגן פאר די פראיעקטן פארלאנגט צו אריינגעבן די 'קאנצעפט פאפיר' וואס זיי האבן אריינגעגעבן פאר די פעדעראלע רעגירונג צו איבערגעקוקט ווערן דורך NYSERDA. פאר נאך אינפארמאציע און פאר פארבינדענע דאקומענטן, באזוכט NYSERDA's וועבזייטל. NYSERDA וועט אפהאלטן א וועבינאר אום יוני 7 פון 3:00 ביז 4:00 נאכמיטאג כדי צו מיטטיילן איינצלהייטן איבער די אפליקאציע און תנאים צו זיין בארעכטיגט. ביטע רעגיסטרירט זיך דא.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "די נייע איניציאטיוו וויזט ווייטער ארויס ניו יארק'ס פירערשאפט ביים מאכן וואקסן א ריינע-הײדראָודזשען אינדוסטריע וואס שטעלט צוזאם פראדוקציע, מעניופעקטשורינג און באנוץ כדי צו פאראויס שטופן עקאנאמישע אנטוויקלונג, שטאנדהאפטיגקייט און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. דאס ציהלן אויף ספעציפישע טעכנישע שוועריגקייטן וועלכע מוטיגן צו אויפקומען מיט שפערישע לייזונגען פאר אינדוסטריעס אין די עקאנאמיע וואס זענען שווער צו אריבערגעפירט ווערן צו עלעקטריציטעט באגלייט די סטעיט'ס באמיאונגען צו אנהויבן נוצן עלעקטריציטעט בשעת'ן רעדוצירן עמיסיעס אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג אין געגנטער וועלכע ליידן פון פארפעסטיגונג מער פון אנדערע."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation) קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "די באדייטנדע איניציאטיוו וואס איז קאנצענטרירט אויף הײדראָודזשען פארשונג און אנטוויקלונג וועט באגלייטן אונזערע באמיאונגען צו רעדוצירן פאַסיל ברענשטאף באנוץ אלץ טייל פון אונזער אמביציעזע קלימאט אגענדע אין ניו יארק סטעיט. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, וועלן די גרענטס פאראויס שטופן פארשונג און ערפינדונג אין ריינע הײדראָודזשען צו ארויסהעלפן אונזער אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע מיט ריינע ענערגיע און צו נאכקומען אונזערע אגרעסיווע ציהלן אונטער דעם קלימאט געזעץ צו ערגרייכן א 40 פראצענטיגע רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס פון די 1990 שטאפלען ביז 2030 און 85 פראצענט ביז 2050, צו פארזיכערן א ריינערע, גרינערע ענווייראמענט און באקעמפן קלימאט טויש פאר צוקונפטיגע דורות, זיך קאנצענטרירנדיג אויף גלייכקייט אין שוואכערע קאמיוניטיס."

פראיעקטן וועלכע וועלן באקומען פינאנצירונג וועלן אויספלאסטערן די וועג פאר צוקונפטיגע באנוץ פון הײדראָודזשען צענטער פראיעקטן און זיי וועלן פארשטערקערן די ראיאנישע הײדראָודזשען סטראטעגיע וואס איז פארגעלייגט געווארן דורך די NE Hub שותפים וועלכע רעכענען אריין ניו יארק, קאנעטיקוט,

מעין, מעסעטשוסטעס, ניו דזשערסי, ראָוד אײלענד און ווערמאָנט, און איבער 100 הײדראָודזשען אינדוסטריע שותּפים וועלכע האבן געארבעט צוזאמען אויף די אנטוויקלונג פון א פארשלאג וואס איז אריינגעגעבן געווארן צו די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפּארטמענט אין אנהויב אפריל פאר פינאנצירונג פון א הײדראָודזשען צענטער און צו דעזיגנירט ווערן אלץ א ראיאנישע צענטער אדער 'האָב' אונטער דעם פעדעראלן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ (Infrastructure and Jobs Act). די ראיאנישע סטראטעגיע רעכנט אריין:

- **שטעלן אלץ פריאריטעט ריינע עלעקטראָליטיק הײדראָודזשען פראדוקציע** - דאס צוזאמשטעלן 'עלעקטראָלייזערס' מיט אנדערע ריינע ענערגיע קוועלער ווי סאלאר אדער ווינט.

- **באנוץ מיט ריינע הײדראָודזשען צו אראפנעמען פון קארבאן אינדוסטריעס וואס זענען שווער צו אריבערגעפירט ווערן צו עלעקטריציטעט** - הײדראָודזשען באנוץ צו אראפנעמען פון קארבאן אינדוסטריאלע פראצעדורן וואס זענען פאראנטווארטליך פאר מער פון 60 פראצענט פון די סך הכל היץ וואס ווערט גענוצט אין ניו יארקע אינדוסטריע, ווערנדיג דערוווייל גענומען פון די פארברענונג פון פאַסיל ברענשטאף.
- **פארגרעסערן די צפון-מזרח'ס רייכע ערפינדונגען אינדוסטריע אויף א גרויסע פארנעם** - צושטעלן א חלק פון די קאסטן פאר ניו יארקע קערפערשאפטן און פראיעקטן צו איינשפאנען דערמיט איבער 1 ביליאן דאלאר פון אנדערע פינאנצירונג געלעגנהייטן וועלכע זענען לעצטנס אנאנסירט געווארן דורך פעדעראלע אגענטורן.

- **קריטישע קאנצענטראציע אויף קאמיוניטי מיטארבעט, ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט און אריינגעמונג** - ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און אנדערע קוק ווינקלען פון פארמישטע פארטיין האבן געשפילט א הויפט ראלע ביים אויספארעמען פונקטליך אויף וועלכע סארטן פראיעקטן די גרענטס וועלן זיך קאנצענטרירן, אריינרעכענענדיג דאס שטעלן אלץ פריאריטעט אינוועסטירונג אין ריינע הײדראָודזשען פראדוקציע צוזאמען מיט אנדערע ריינע ענערגיע קוועלער, זיך קאנצענטרירן אויפן פארמינערן לאקאלע השפעות פון פארשידנארטיגקייט אין שוואכערע קאמיוניטיס און קאנטראלירן עמיסיעס פון נײטראָודזשען אַקסיידס (NOx) וואס רעזולטירט פון הײדראָודזשען באנוץ אין אינדוסטריעס וואס זענען שווער צו אריבערגעפירט ווערן צו נוצן עלעקטריציטעט, צום ביישפיל אינדוסטריאלע מעניופעקטשורינג פראצעדורן וואס ווערן דורכגעפירט אין הויכע טעמפעראטורן.

**אסעמבלי מיטגלידערין דידי בארעט האט געזאגט,** "אפילו אין די צייט וואס מיר נעמען אונטער שריט צו נאכקומען די סטעיט'ס אמביציעזע CLCPA ציהלן, איז דאס וויכטיג צו אנערקענען אז עס זענען דא אינדוסטריעס וועלכע וועלן אייביג בלייבן שווער – טראָץ נישט אוממעגליך – צו אריבערגעפירט ווערן צו נוצן עלעקטריציטעט. ארבעטן מיט ברענשטאף וואס איז נידעריג אין קארבאן ווי ריינע הײדראָודזשען איז איין סטראטעגיע צו אדרעסירן די שטרויכלונגען, און די פאראויס-קוקנדע אינציאטיוו וואס איז בלויז אנאנסירט געווארן דורך NYSERDA וועט אונז העלפן ווייטער פארשטיין די פולע פאטענציאל פאר ריינע הײדראָודזשען צו קענען אראפנעמען אינדוסטריעס פון קארבאן באנוץ."

**ניו יארק באטעריע און ענערגיע סטארעדזש טעכנאלאגיע גרופע ( New York Battery and Energy Storage Technology Consortium, NY-BEST) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ביל אקער, האט געזאגט,** "NY-BEST מיטגלידער וועלכע ארבעטן אויף ריינע הײדראָודזשען זענען פארנומען צו אנטוויקלען לייזונגען צו קריטישע שטרויכלונגען ביים אראפנעמען עלעקטריציטעט אויפטרייבונג פון קארבאן, שווערע טראנספארטאציע און שווערע אינדוסטריע, בשעת'ן אויך אויפבויען אן אינדוסטריע וואס וועט זיין א באדייטנדע עקאנאמישע טרייב-קראפט פאר די סטעיט. די נייע אינציאטיוו וואס איז היינט אנאנסירט געווארן דורך NYSERDA וועט העלפן פינאנצירן וויכטיגע נייע ריינע הײדראָודזשען פארשונג,

אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע פראיעקטן וועלכע ווען פאראויס שטופן אונזערע באמיאונגען צו אנטוויקלען א שטארקע ריינע הײדראָודזשען אינדוסטריע דא אין ניו יארק."

**Center for Hydrogen Safety (צענטער פאר הײדראָודזשען זיכערהייט) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ניק בארילאָ, האט געזאגט,** "אזוי ווי די צאל פון ריינע הײדראָודזשען פראיעקטן האלט אין איין שטייגן, וועט דאס זיין קריטיש צו לייגן זיכערהייט אלץ פריאריטעט צו קענען ברענגען הצלחה אין די אונטערנעמונג. די Center for Hydrogen Safety און אירע מיטלען שטייען גרייט פאר ארגאניזאציעס וועלכע זענען פארמישט אין די אקטיוויטעטן צו ערמעגליכן די זיכערע און צייטליכע אריבערגאנג צו הײדראָודזשען און ברענשטאף צעל טעכנאלאגיעס. אלץ א מיטגליד האט NYSERDA צוטריט צו די לעצטע אינפארמאציע איבער הײדראָודזשען זיכערהייט סטאנדארטן בשעת'ן שטיצן די אנטוויקלונג פון הײדראָודזשען טעכנאלאגיעס אין ניו יארק סטעיט."

די איניציאטיוו וואס איז היינט אנאנסירט געווארן איז אנטוויקלט געווארן צוזאמען מיט די קלימאט שריט קאונסיל פארנעם פלאן (Climate Action Council Scoping Plan) וואס איז באשטעטיגט געווארן אין דעצעמבער 2022 וואס אידענטיפיצירט סטראטעגישע באנוץ מיט ברענשטאף וואס איז נידעריג אין קארבאן ווי צום ביישפיל ריינע הײדראָודזשען אלץ א וויכטיגע מיטל צו אראפנעמען פון קארבאן אזעלכע אינדוסטריעס וועלכע זענען שווער צו אריבערגעפירט ווערן צו עלעקטריציטעט. אין צוגאב האבן הינזיכטן פון ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און שוואכערע קאמיוניטיס, וועלכע זענען ארויפגעברענגט געווארן דורך פארמישטע פארטייען, געשפילט א הויפט ראלע ביים אויספארעמען די זאכן אויף וואס די גרענטס וועלן זיך קאנצענטרירן, אריינרעכענענדיג דאס שטעלן אלץ פריאריטעט פארשונג צו פארמינערן NOx עמיסיעס וואס רעזולטירן פון הײדראָודזשען פארברענונג און אזוי אויך זיך צו קאנצענטרירן אויף ריינע הײדראָודזשען פראדוקציע מיט ריינע ענערגיע.

די אנאנס בויט ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונגען אין פארשונג, אנטוויקלונג און צו אריינברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט צו שטיצן ערפינדער וועלכע פארשנעלערן די נייע טעכנאלאגיעס צו אראפנידערן עמיסיעס און באערדיגן קארבאן וועלכע זענען נויטיג צו קענען נאכקומען די סטעיט'ס ציהל צו אנקומען צו א פולשטענדיג קארבאן-באלאנסירטע עקאנאמיע. NYSERDA'ס ערפינדונג פראגראם גיבט אויס 800 מיליאן דאלאר איבער א צייט אפשניט פון 10 יאר אלץ דירעקטע אינוועסטירונגען דורך גרענטס און דורך שטיצע פאר אלעס ארום און ארום ביים ארויפברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט. מער פון 680 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג געלטער פאר פראיעקטן זענען שוין ערמעגליכט געווארן און מער פון 450 נייע ריינע ענערגיע פראדוקטן זענען ארויפגעברענגט געווארן אויפן מארקעט אלץ רעזולטאט פון די NYSERDA'ס אינוועסטירונגען אין טעכנאלאגיע און אין ביזנעס אנטוויקלונג, אריינרעכענענדיג LED באלייכטונג סיסטעמען, הײם אפלייענסעס, באטעריעס וואס האלטן אן לענגער, און מער שפארזאמע הייצונג און קילונג סיסטעמען.

פינאנצירונג פאר די איניציאטיוו קומט פון די סטעיט'ס 10-יאריגע 6 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund). מער אינפארמאציע איבער די געלטער קען מען געפונען אויף די NYSERDA'ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך די לאנד'ס מערסט

אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערגרייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן זענען פאר צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס', כמעט 500 'ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס' און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן